# חנוכה־געלט

די מאמע האָט מיר אַמאָל אַ זאָג געטאָן, אַז איך בין געבאָרן געוואָרן חנוכה, צו דעם פינפטן ליכטל.

אָבער ווער ווייסט עס ביי אונדז אין שטוב? קיינער פון די ברידער גיט אפילו נישט קיין טראַכט ווען ער איז געקומען אויף דער וועלט.

— נו, גוט, געבאָרן געוואָרן! אַ נייעס אין שטעטל! נו, איז וואָס? — לאַכן זיך אויס די ברידער. — וואָס ווילסטו, נאָך אַ מאָל געבאָרן ווערן?

און דער טאַטע גיט אַ געשריי:

— וואָס איז עס אין „מיטשקע דערינען" פאַר אַ יום־טוב? נאָר אַ גויאישער קאָפּ קאָן עס אויסטראַכטן!

האָב איך מיך געפרייט מיט חנוכה גאָר צוליב די צוויי מאָל צען קאָפּיקעס, חנוכה־געלט, וואָס מיר, קלענערע קינדער, קריגן פון טאַטן און פון זיידן.

פאַר דעם געלט וועלן מיר דינגען אַ שליטל און פאָרן שפּאַצירן. פאָרן מיט אַן אמת פערדל זיינען מיר געוועזן בעלנים יעדן טאָג. האָבן די צוויי זילבערנע צען־קאָפּיקעס געזונגען און געקלונגען אין די אויערן, ווי די גלעקעלעך פון שליטל, וואָס וועט אונדז פירן איבערן שטאָט. באַזונדערס אַ גלאַנציקע איז געוועזן דעם זיידנס מטבע, גלייך ווי צוליב חנוכה וואָלט ער זי פאַר אונדז לאָזן אויסשייערן.

לויפן מיר אַוועק, זאָלבענאַנד מיט אַבראַשקען, ערב חנוכה אין דער פרי, צום זיידן אַהיים.

טאַמער שלאָפט נאָך דער אַלטער זיידע, וועלן מיר אים אויפוועקן. אפשר האָט ער גאָר אין גאַנצן פאַרגעסן, אַז ס'איז חנוכה אויף דער וועלט?

וואוינען וואוינט דער זיידע (ווי קומט עס צו אים?) גאָר אין אַ גויאישער גאַס. זי רופט זיך „אָפּיצערסקאַיאַ". אוודאי וואוינט ער אויף דער גאַס, ווייל נישט ווייט שטייט דער גרויסער שול-הויף מיט די שולן.

אַ גאַס מיט ווייסע שטיבלעך — איז די גאַנצע גאַס אַ ווייסע. ס'איז די שטילסטע גאַס פון שטאָט. קיין קראָמען, קיין טאַראַראַם. קען מען טאַקע דאָרט אַנטשלאָפן ווערן. אַפילו הויך אַ לאַך טאָן אין מיטן גאַס טאָר מען אויך נישט. גלייך שטעקן אַרוים פון הינטער די בלומען-טעפּ, וואָס פאַרשטעלן די פענצטער, געבלימלטע הייבלעך פון אַלטע באָבעס און זיי גיבן אַ שאָקל מיטן קאָפּ: — „שקצים, הערט אויף צו לאַכן!"

ווי אין אַלע שטיבלעך וואָלטן ליגן קראַנקע זיידעס.

און די שטיבלעך זיינען אַזוי נידעריק, אַז אפשר קאָן מען דאָרט נאָר בלייבן ליגן. און ווי, אַז עס שטעלט זיך דאָרט אַוועק אַ הויכער מענטש? וועט ער זיך דאַרפן איינבויגן אין צווייען. דערפאַר, מסתמא, ווערן אויך מיט יעדן יאָר נידעריקער מיין זיידע און מיין באָבע.

אַנדערע שטיבלעך — גאָר איינגעפאַלן. ס'דוכט זיך, אַז די אַלטיטשקע, וואָס וואוינען דאָרט, וואַקסן אין דר'ערד אַריין און מע ווייסט ניט, צי די בלומען-טעפּ שטייען דאָרט אויף די פענצטער, צי זיי שטייען אין וואַקסן אויפן גאַס.

פון אינעווייניק, — נישט מע זעט, נישט מע הערט עפּעס. די שטיבלעך זיינען איינגעהילט אין שניי, ווי אין דיקע, וואַרעמע קאָלדרעס. זייערע ווענט זיינען פאַרשטאָפּט, ווי טויבע. דער ווינט בלאָזט דעם שניי אין די פענצטער, ער פאַרבלאָזט די שפּאַלטן, אָבער די אַלטע שפּיצן-פאַרהאַנגען גיבן זיך אַפילו נישט קיין שאָקל. איבער די דעכער לויפט פריי אַרום, ווי אַ שיכורער גוי, דער רויך פון די קוימענס. ווי אים זאָל זיין צו-וואַרעם אין די אָנגעהייצטע הייזלעך, שטופּט זיך דער רויך, ציט זיך אין דער ברייט, אין דער לענג, און קריכט מיט גוואַלד פון די קוימענס

אַרוים. די שטיבלעך שוויצן אונטערן שניי, ווי אונטער אַ ווייסן שוויים.

— נאַ, נאַ דיר, פאַרחלומטע עין־הרע! וואָס קוקסטו אַלץ אויף אַלע זייטן? — שיסט אַבראַשקע פּלוצלונג אויס אַ הילכיקן געלעכטער, פון אַנדער עק גאַס, און פאַרוואָרפט מיך מיט קייקעלעך שניי.

— משוגענער, הער אויף צו שרייען! מען וועט דאָך אַרויס־לויפן פון אַלע טירן!

— אין אַזאַ פראָסט? לאָמיר זיך וועטן! און וואָס ווילסטו?

הינטער אַ פּלויט שטעקט אַ ווייסער בוים אַרויס. אַפּנים, אַן אַלטער בוים. דער שניי האָט זיך אויף אים אָנגעלייגט, ווי אַ צענדליק קישנס אויף דער באָבעס בעט. די צווייגן האַלטן עס קוים אויס. אַבראַשקע טוט זיך אַ דראַפּ אַרויף אויפן פּלויט, קלעטערט אויפן בוים אַרויף און טוט אים אַ טרייסל.

דער גאַנצער בוים ציטערט אויף. שטיקער שניי פאַלן אַראָפּ, ווי שטיינער. אַ נאַקעטער צווייג טוט אַ קנאַק און ברעכט זיך איבער.

— חיה רעה! וואָס, ס'דיר נישט גענוג שניי אויפן גאַס? וואָס אַרט דיך, אַז ס'ליגט אויפן בוים?

— דער בוים איז אַזוי מיינער, ווי דיינער! וואָס ביסטו פאַר אַ מחותנתטע מיט אים!

ס'ווילט זיך מיר אַריינלויפן אין אַ שטיבל, אַלץ איינס אין וועמענס. טאָמער שטייט הינטער דער טיר אַן אַלטינקע באָבע און מע קאָן זיך פאַרשטעקן פון אַבראַשקען אין אירע אָנגע־שטאָפּטע וואַרעמע קליידלעך?

דעם זיידנס שטוב ליגט אויפן סאַמע עק גאַס. אַ שטיבל, ווי אַלע אַנדערע. די זעלבע טעפּ מיט בלומען, די זעלבע אויס־געקריצטע לאָדנס, אויסגעשניצט אין צוקערלעקעך און שניי פאַרשטאָפּט אין זייערע לעכלעך; דער זעלבער רויך אויפן דאַך,

דאָס שטיבל אָבער זעט אויס נאָך ווייסער און וואַרעמער פון אַלע אַנדערע.

אַבראַשקע, קוים צוגעלאָפן צו דער טיר, גיט אַ צי דאָס הענג־גלעקל. דאָס גלעקל טוט הייזעריק אַ הוסט און ווערט אַנטשוויגן.

— אַזוי, איר זייט שוין דאָ, קינדער? איך קלייב זיך ערשט אין מאַרק, און זיי קומען שוין נאָך חנוכה־געלט! — דאָס איז פריידע, דער באָבעס אַלטע קעכין. זי עפנט אויף די טיר, זי איז מיט אַ פאַטשיילע אויף די פּלייצעס.

— בררר. סאַראַ קעלט איר האָט אַנגעבראַכט! גייט שוין אַריין! ס'איז טאַקע אַזוי קאַלט אויפן גאַס? זאָל איך מיך אַרומבינדן מיט נאָך אַ טיכל, ווי דו, באַשענקע?

זי טופּעט מיט די פיס, און מיט אירע פיס שפּרינגען אונטער אירע זומערשפּרענקלעך אויף איר צורה. ווינטער זעען זיי ביי איר אויס ווי פאַרטריקנטע טראָפּנס פעטס, וואָס זי האָט פאַר־געסן אָפּצואוואַשן. שטענדיק איילט זי זיך, שטענדיק איז זי אַ צעטומלטע. זי זאָגט, אַז זי גייט ערשט אין מאַרק. אָבער דער וואַרעמעס איז ביי איר שוין פאַרטיק. מיר הערן דאָך, ווי ס'בראָט זיך עפּעס אין קיך.

— פריידע, דו וועסט אונדז געבן פאַרזוכן אַ געבראָטענע בולבע?

— פון וואַנען ווייסטו, אַז עס פּרעגלט זיך ביי מיר בולבעס?

— פריידע, דער זיידע שלאָפט נאָך?

— וואָס שלאָפן, ווען שלאָפן? ער האַלט דאָך אין איין לערנען תורה. פּסיק!... — שטופּט זי אַרויס די קאַץ פון איר מאַרק־קערבל.

— אַ נייע מאָדע אויסגעטראַכט! קריכט אין קערבל אַריין!

פון די קולות וועקט זיך אויף די קאַץ, טוט אַ פינקל מיט אירע צעקנייטשטע אויגן; זי דערזעט דעם שניי, וואָס איז געבליבן אויף אונדזערע פיס, טוט זי אַ הויב דעם עק, שטעלט

אַן די וואַנצעס און גיט זיך אַ צי צו אונדז, אַ לעק טאָן דעם טראָפּן קאַלטן שניי. דער שניי צעגייט פֿאַר איר נאָז, און די קאַץ הויבט אָן צו ניסן.

— קעצענער מוח! — שלעפּט זי אַבראַשקע פֿאַרן עק. — גיי בעסער, זאָג אָן דער באָבען, אַז מיר זײַנען דאָ.

— וואָס דאַרפֿסטו נאָך מטריח זײַן די קאַץ? זי איז דאָך אַ פּוילישטשקע! איך גיי שוין אַ סך גיכער פֿון איר!

עס קומט אַרײַן די באָבע. זי איז אַזוי שטיל אַרײַן, ווי איר ווייכער שמייכל וואָלט אויך ווייך געמאַכט אירע טריט.

— אין אַזאַ קעלט, קינדערלעך? אַוודאי אַ ווילטיקע נסיעה, — טוט זי אַ שמייכל.

— איז טו זשע זיך גיכער אויס, באַשענקע! וואַרעם זיך אָן אַן דער הרובקע, אָבער זע, ברי זיך נישט אָפּ, ערשט פֿאַרמאַכט דעם קוימען!

די באָבע שטייט אַ צעטומלטע לעבן אונדז.

— ווילסט אַ הייסע גלאָז מילך? אַזוי פֿרי, מיט וואָס קאָן איך אײַך מכבד זײַן?

זי ווייסט נישט, וואָס פֿריער צו טאָן, — צי העלפֿן אונדז זיך אויסטאָן, אָדער גיין זוכן פֿאַר אונדז כּיבוד. איר ווײַס פּנים און אירע ווײַסע האָר לויכטן. די בלימעלעך אויפֿן הייבל בליען, ווי אין מיטן זומער. אַליין איז זי אַ ווייכע, אַ דיקע, אַ וואַרעמע, ווי דער אָנגעהייצטער ווײַס־קאַכלנער אויוון.

אין שטוב איז נישטאָ וואו זיך אַ קער טאָן. אומעטום אָנגעשטעלט, אָנגעהאַנגען, ווי די באָבע, אין איר שטענדיקן ציטער זיך צו פֿאַרקילן, וואָלט מורא האָבן פֿאַר יעדן שטיקל פֿרײַ אָרט, ווי פֿאַר אַ צוג־ווינט.

— באָבע, הײַנט איז יום־טוב, חנוכּה! — פֿאַלט אויף איר גלײַך אָן אַבראַשקע.

— וואָס רעדסטו? אָבער שאַ, אין מיטן חנוכּה דאַרפֿסטו דאָך נישט אַנידערוואַרפֿן דײַן באָבע אויף דר׳ערד! קיין עין־

הרע, ביסט אויסגעוואַקסן פאַר דער לעצטער צייט! — גיט זיך די באָבע אַ שאָקל אויף אירע קורצע פיס.

אַבראַשקע דערשרעקט זיך: מער פעלט נישט, די באָבע זאָל ווערן ברוגז!

— ביסט פאָרט אַ גוט אינגל, אַוורעמל! — שמייכלט די באָבע.—געקומען פון אין דער פרי אָן אָנזאָגן די בשורה! כ'האָב טאָקע געוואָלט זיך נאָכפרעגן ביים זיידן! אָן דיר וואָלט איך עם גאָרנישט געוואוסט, גנב דו איינער! נו, גיי צו און גיב צו־ערשט אַ קוש די מזוזה. דער רבי האָט דאָך דיר עם אוודאי אָנגעזאָגט.

— באָבע, און איך? איך וויל אויך אַ קוש טאָן!

— וואוהין קריכסטו, קורצע שטופקע? ביסט דאָך אַ מיידל! — שטופט מיך אָפּ אַבראַשקע אינאיינעם מיט דער קאַץ, וואָס פּלאָנטערט זיך צווישן די פיס.

אים איז גוט. ער איז אַ אינגל, קען ער זיך האַלטן גרוים. אפשר טאָקע שוין בעסער זיין אַ קאַץ, ווי אַ קורץ, קליין מיידל, וועלכע ער לאַכט שטענדיק אוים.

— הער אויף זיך רייצן מיט דער קליינער!

פלוצים כאַפּט זיך די באָבע פאַרן קאָפּ, ווי זי וואָלט זיך וואָס דערמאָנען.

— ביסט נישט, חלילה, פאַרקילט? קום, כ'וויל דיר וואָס געבן, באַשענקע!

— מאַלינעם, באָבע? — לויף איך איר נאָך. איך ווייס, ווען די באָבע זאָגט „פאַרקילט", וועט זי שוין אויפזוכן אַ גלאָז מאַלינעם, וואָס איז פאַרשטעקט ביי איר אויפן קליידער־אַלמער, צווישן אַלע אַנדערע „וואַרעניעס".

— נאַ, באַשענקע, וועסט עם נעמען מיט זיך. און זאָג אָן דער מאַמען, זי זאָל דיר געבן פאַרן שלאָף אַ הייסע גלאָז טיי מיט מאַלינעם. זאָג איר, ס'איז אַ סגולה פאַר אַלץ און פאַר קעלט איז עם די בעסטע רפואה.

— באָבע, און וואו איז דער זיידע? מען זעט אים נישט.

— גייט, אָט שטייט ער דאָך ביים אויוון!

דורך דער האַלב-אָפּענער טיר פון עס-צימער זעען מיר, ס׳גלאַנצט ווי אַ ווייסער שפּיגל אַ גרויסער ווייס-קאַכל אויוון און לעבן אויוון שאָקלט זיך, ווי אַ שוואַרצער שאָטן, דער זיידע. און מיר האָבן געמיינט, ער שלאָפט נאָך! וואָס-ווען שלאָפן! מיר דוכט זיך, אַז פון פאַראַכטאָגן ערב שבת, ווען מיר האָבן אים געזען, שטייט ער נאָך אַזוי ביים אויוון און האָט זיך אַפילו נישט אַוועקגעלייגט שלאָפן. אויף אים דער זעלבער בגד. אַ לאַנגער, פון דינעם, שוואַרצן ליוסטרין, און פול מיט קנייטשן, ווי זיין שטערן. דער זעלבער בגד סיי זומער, סיי ווינטער. און פון אונטער דעם בגד זעט מען נישט זיין דאַרן גוף, ווי ער וואָלט גאָרנישט האָבן קיין גוף.

ס׳פּנים לויכט. די אויגן — פאַרטראַכט. מיט איין האַנט גלעט ער אַ הערעלע פון באָרד, מיט דער אַנדערער בינדט ער אוים ווי אַ קניפּל אין דער לופטן און שאָקלט זיך. גלייך ער וואָלט פאַר זיך אַליין וואָס אויסטייטשן פון אַ ספר, וואָס איז געבליבן ליגן אויפן טיש, און דאָס אויסגעטייטשטע איבערלייגן פון איין זייט קאָפּ אין דער אַנדערער.

אונדז ביידן זעט ער נישט. די שפּאָקולן — זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן שטערן און זיינע געדיכטע, שטעכנדיקע ברעמען פאַרשטעלן זיינע אויגן. די ווייסע באָרד פאַלט אַרונטער, ווי אַ „הפקר״ שניי. און די שטיקלעך באַקן, וואָס שטעקן פון די פּיאות אַרוים, זיינען אויך ווייס. איינצלנע אָדערן רויטלען זיך אַרוים פון הינטער דער צאַרטער הויט, ווי אַנגעוואַרעמטע פון אויוון.

מיר האָבן מורא צוגיין צום זיידן. זיין שאָטן וויגט זיך אויפן ווייסן קאַכל. ס׳דוכט זיך, דער זיידע שטייט ווייט פון אונדז, ווי מיט איין פוס אויף יענער וועלט.

— באַשקע, טו אַ קוק! — גיט מיר אַ שלעפּ דער ברודער

פאַרן אַרבל. — זע, אַט ליגן אויפֿן טיש די צען קאָפּיקעס!

טייערער זיידע! אַפילו ווען דערויף אַ טראַכט געטאָן! און איך האָב געמיינט, ער טראַכט גאָר וועגן גאַנץ זאַכן. אָבער דער זיידע קערט נישט אָפּ זיין קאָפּ פון פענצטער. די זון לייכט און שיינט אָפּ אין זיינע אויגן, ווי זיי וואָלטן אויסגעשעפּט דאָס גאַנצע ליכט פון הימל. אַט, דוכט זיך, בליצן זיי אויף. אויפֿן פענצטער הענגט דער חנוכה־לאָמפּ פון אַלטן, טונקעלן זילבער, מיט נאָך הוילע רערלעך אָנשטאָט ליכטלעך. אָבער דעם זיידנס אויגן צינדן אָן, ווי מיט אַ שוועבעלע, די אַלע אַכט רערלעך מיט אַמאָל.

— זיידע! — האַלטן מיר ניט אויס און שטעלן זיך אָפּ, דערשראָקן פאַר אונדזער אייגן קול.

— האָ? וואָס איז? — כאַפּט זיך אויף דער זיידע, ווי פון שלאָף. — אייגע, דוכט זיך, עמיצער איז אין שטוב אַריין. זיי זיך מטריח, גיב אַ קוק!

— דאָס זיינען דאָך אַלטעס קינדער, אוורעמל מיט דער קליינער באַשקע! — שרייט אים די באָבע פון איר חדר.

גיט אַ קער צו אונדז דער זיידע זיין ווייסן קאָפּ. אונדז דערזען, האָט ער אַ שמייכל געטאָן. זיין פנים האָט זיך צונויפֿ־געקאָרטשעט. און מיטן שמייכל האָט זיך דער זיידע איבער־געביטן, איז געוואָרן אַן אַנדערער. זיין פנים איז זיך צעגאַנגען, ווי וואַרעמער וואַקס.

— און איך האָב געמיינט, — לאָזט דער זיידע פון זיין שטערן די ברילן אַראָפּ און טוט אַ קוק פון אונטער די גלעזער אויפֿן ברודער, — איך האָב געמיינט, אוורעמל ווערט דאָך, אם־ירצה־שם, אין אַ יאָר אַרום בר־מצווה, טראַכט ער נישט מער וועגן חנוכה־געלט. אַ, אמת, אוורעמל? — גיט דער זיידע אים לייכט אַ קניפּ אין באַק.

— אנו, קום אָקאָרשט אָהער, זאָל איך דיך פאַרהערן? זאָג מיר, — זיין ווייך קול ברעכט זיך איבער, — וואו האָלטסטו